# וויכטיגער אויפקלערונג

**אין צוזאמענהאנג מיט די לעצטע התעוררות אין ענין פון שייטלען, ברענגען מיר אראפ די דברי הפוסקים דאס אפי' די מתירים אויף שייטלען, האבן בשום אופן נישט מתיר געווען די היינטיגע "יומען העיר" (HUMAN HAIR) און "קאסטום מעיד" (CUSTOM MADE) שייטלען און זיי זענען זיכער אסור לויט אלע פוסקים.**

| | |
|---|---|
| בספר מגן גבורים או"ח סי' ע"ה להגאון ר' יוסף שאול נאטענזאהן זצוק"ל: | **"דאס איז נאר געזאגט ביי א געוועגליכע שייטל, אבער א שייטל וואס איז געמאכט פון מענטשליכע האר וואס מען האט אפגעשניטן און געמאכט דערפון א שייטל עס זאל אויסזען ווי אייגענע האר, איז עס זיכער אסור, לבוש.** |
| שו"ת חסד לאברהם אהע"ז סי' פ"ז: | **לענ"ד איז דא דערביי אן איסור דאורייתא. ווארים עס איז נישט קיין חילוק צו עס איז ממש אייגענע האר אדער פרעמדע האר וואס זעען אויס ווי אייגענע.** |
| ישועות יעקב אהע"ז סי' כ"א: | **א שייטל וואס מען דערקענט נישט צו עס איז אייגענע האר צו נישט, איז א פריצות און עס איז אסור אנצוטוהן.** |
| שו"ת מהר"ל דיסקין בקונטרס אחרון סי' כ"ג: | **דווקא אויב עס איז קענטיג פאר יעדן אז עס איז נישט קיין אייגענע האר, אויב נישט איז עס זיכער אסור.** |
| שו"ת הרי בשמים מהדו"ק סי' ל"ו: | **כל שכן א שייטל וואס זעט אויס ווי אייגענע האר איז זיכער אז מען מוז מחמיר זיין.** |
| שערי טוהר, בסופו: | **כל שכן היינטיגע צייטן וואס מען פאררעכט די האר פון דעם שייטל עס זאל אויסזען פונקט ווי אייגענע האר, אזוי ווי די אויסגעלאסענע, איז עס זיכער אסור מן התורה - אזוי ווי עס פסק'נט דער דברי חיים.** |
| שו"ת מנחת אלעזר חלק ה' סי' ל"ה: | **א שייטל וואס זעט אויס ממש ווי האר איז אסור מן התורה.** |
| מחניך קדוש סי' ז': | **די שייטלען מיט דינע האר אזוי ווי די אייגענע האר פון די פרוי, איז אסור לויט יעדן איינעם.** |